# NYS CHILDREN'S MEDICAID

# היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס (HCBS)

## אינפארמאַציע פאַר קינדער/יוגנטליכע און פאמיליעס





## וויאזוי טוען היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס (Home and Community-Based Services, HCBS) העלפן קינדער/יוגנטליכע און פאמיליעס/קעירגעבערס?

**קינדער'ס HCBS:** ווערן צוגעשטעלט וואו קינדער/יוגנטליכע און פאמיליעס זענען די מערסטע באקוועם - אינדערהיים אדער אין די קאמיוניטי

- שטיצן קינדער און יוגנטליכע ווען זיי ארבעטן צו דערגרייכן צילן און דערגרייכונגען
- העלפן קינדער און יוגנטליכע זיין ערפאלגרייך אינדערהיים, אין שולע, און אין אנדערע סביבות
- געבן פערזענליכע, בויגזאמע סערוויסעס נאכצוקומען די געזונטהייט, גייסטישע געזונט, סובסטאנץ באנוץ באהאנדלונג און/אדער אנטוויקלונג געברויכן פאר יעדע קינד/יוגנטליכער

## ווער קען באקומען קינדער'ס HCBS?

קינדער'ס HCBS זענען פאר קינדער און יוגנטליכע וועלכע:

1) דארפן מער קעיר אין זייער היים/אין די קאמיוניטי

2) ווילן פארמיידן צו גיין אין שפיטאל אדער א לאנג-טערמיניגע פאסיליטעט

3) ווערן געפינען צו זיין בארעכטיגט פאר HCBS*

4) זענען איינגעשריבן אדער בארעכטיגט זיך איינצושרייבן אין Medicaid. באמערקונג: געוויסע קינדער קענען זיין בארעכטיגט פאר Medicaid אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר HCBS.

## וויאזוי קען איינער באקומען קינדער'ס HCBS?

קינדער/יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס/קעירגעבערס קענען רעדן מיט א **העלט היים קעיר אנפירער****, אדער רופט די קינדער און יוגנטליכע אפשאצונג סערוויס אויף 1-833-333-2937 אויסצוגעפונען וויאזוי א קינד/יוגנטליכער קען באקומען קינדער'ס HCBS.

## **וואס איז העלט היים קעיר אנפירונג?

א העלט היים איז נישט א פלאץ, עס איז א פערזאן וואס קען אייך העלפן טרעפן סערוויסעס וואס זענען פאסיג פאר אייך און אייער פאמיליע. העלט היים קעיר אנפירער ארבעטן צוזאמען אלץ א טיעם מיט קינדער/יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס און סערוויס פראוויידערס צו מאכן זיכער אז זיי באקומען די קעיר און סערוויסעס וואס זיי דארפן צו בלייבן געזונט.

אלע קינדער וואס זענען בארעכטיגט פאר HCBS קענען באקומען קעיר אנפירונג סערוויסעס דורך די העלט היים קעיר אנפירונג פראגראם. קינדער/יוגנטליכע וואס זענען נישט איינגעשריבן אין א העלט היים קעיר אנפירונג פראגראם קענען רופן 518-473-5569 אדער שיקן אן אימעיל צו hhsc@health.ny.gov צו באקומען מער אינפארמאציע און/אדער זיך איינשרייבן.

*כדי זיך איינשרייבן אין HCBS פאדערט עס אנטייל צו נעמען אין די קינדער'ס 1915c וועיווער.



אפיס פון מענטל העלט (Office of Mental Health)

דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health)

אפיס פון אלקאהאליזם און סובסטאנץ אביוז סערוויסעס (Office of Alcoholism and Substance Abuse Services)

אפיס פאר מענטשן מיט דעוועלאפמענטאל דיסאביליטיס (Office for People With Developmental Disabilities)

אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services)

NEW YORK STATE

**אויסצוגעפונען מער וועגן קינדער'ס היים און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס, פארבינדט זיך מיט אייער העלט קעיר פראוויידער, העלט היים קעיר אנפירער, Medicaid מענעדזשד קעיר פלאן, קאונטי SPOA, אדער די קינדער און יוגנטליכע אפשאצונג סערוויס.**

# קינדער'ס היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס





## קאמיוניטי ריהאביליטאציע

באקומט הילף מיטן לערנען סאציאלע און טעגליכע לעבנס פעאיגקייטן און געזונטהייט פארבינדענע פליכטן

- צום ביישפיל: לערנט זיך צו קאך און עסן געזונטערהייט; נעמט אנטייל אין קאמיוניטי אקטיוויטעטן; קאמיוניקירט ערפאלגרייך; זייט זעלבסטשטענדיג, און מאכט אינפארמירטע אויסוואלן

## טאג ריהאביליטאציע

באקומט הילף מיטן לערנען סאציאלע און טעגליכע לעבנס פעאיגקייטן אין אן אגענטור פלאצירונג

- צום ביישפיל: שאפט פארבינדונגען; נעמט א טייל אין קאמיוניטי אקטיוויטעטן; באקומט זעלבסטשטענדיגקייט, און מאכט אינפארמירטע אויסוואלן

## קעירגעבער/פאמיליע אדוקאציע און הילף סערוויסעס

- קעירגעבערס און פאמיליעס קענען באקומען טרענירונג און עדיוקעישאן צו מאכן אינפארמירטע און שטארקע אויסוואלן פאר קינדער מיט אנטוויקלונג, מעדיצינישע, גייסטישע געזונט, און/אדער סובסטאנץ באנוץ געברויך
- האלט און און שטארקט קינדער און יוגנטליכע'ס זעלבסטשטענדיגקייט אין די קאמיוניטי

- געפונט אוועילעבל הילפסמיטלען און סערוויסעס וואס קומען נאך קינדער/יוגנטליכע און פאמיליע געברויך

## סערוויסעס וואס העלפן זיך אנגרייטן צו קענען גיין ארבעטן

יוגנטליכע אין עלטער פון 14 יאר און עלטער קענען זיך לערנען סקילס זיי צו העלפן ווערן גרייט פאר באצאלטע ארבעט, אדער וואלונטירן ארבעט וואס פאסט זיך מיט זייערע אינטערעסן

- סקילס קענען אריינרעכענען: קאמיוניקירן מיט אויפזעערס, קאלעגעס, און קאסטומערס; לערנט זיך צו לעזן פראבלעמען ביים ארבעטספלאץ; פלאנירן זייער קאריערע; און זיכערהייט ביים ארבעטספלאץ

## געשטיצטע עמפלוימענט

- יוגנטליכע אין עלטער פון 14 יאר און עלטער וואס זענען גרייט פאר א דזשאב קענען באקומען הילף צו בלייבן אין אן אנגייענדע דזשאב וואס באצאלט א געהאלט
- באקומען אנגייענדע שטיצע בשעת'ן באקומען א דזשאב און בשעת'ן ארבעטן

סערוויסעס קענען אריינרעכענען, אבער זענען נישט באגרעניצט צו:

- הילף מיט טרעפן א דזשאב וואס פאסט פאר אייער סקילס און אינטערעסן; ארבעט קאוטשינג; בענעפיט הילף; הילף מיטן פאראויס גיין מיט אייער קאריערע; און אנדערע ארבעטספלאץ הילף סערוויסעס

## רעספיט סערוויסעס (פלאנירטע רעספיט און קריזיס רעספיט)

- קען ווערן אויסגעפירט אינדערהיים, אין די קאמיוניטי, אדער אין אן אנדערע ערלויבטע לאקאציע
- פלאנירטע רעספיט סערוויס שטעלט צו קורץ-טערמיניגע הילף פאר פאמיליעס/קעירגעבערס און שטיצן די קינדער'ס גייסטישע געזונט, סובסטאנץ באנוץ און/אדער העלט קעיר ציל
- קריזיס רעספיט איז קורץ-טערמיניגע הילף פון א גייסטישע געזונט, סובסטאנץ באנוץ און/אדער א העלט קעיר קריזיס פאסירונג וואס אן די הילף וואלט דאס קינד געדארפט א העכערע שטאפל פון קעיר

## פאליעיטיוו קעיר

קינדער און יוגנטליכע מיט כראנישע אדער לעבנס-באדראענדע קראנקהייטן קענען באקומען די סערוויסעס:



- מאסאדזש טעראפיע צו פארבעסערן און לינדערן פיזישע סימפטאמען
- מאלן, מוזיק, און שפילן טעראפיע צו העלפן בעסער פארשטיין און אויסדרוקן געפילן
- פיין און סימפטאם קאנטראל צו לינדערן און/אדער קאנטראלירן ליידן
- קאונסעלינג און הילף סערוויסעס צו העלפן קינדער /יוגנטליכע און פאמיליעס זיך ספראווען מיט טרויער פארבינדענע ביז כראנישע אדער לעבנס-באדראענדע קראנקהייטן

## ענווייראנמענטאלע ענדערונגען

ענדערונגען צו א קינד'ס אדער יוגנטליכע'ס היים צו העלפן מיט זייער געזונטהייט געברויך

## וויהיקל ענדערונגען

ענדערונגען צו א קינד'ס אדער יוגנטליכע'ס וויהיקל צו העלפן מיט זייער געזונטהייט געברויך

## אדאפטיווע און בייהילפיגע טעכנאָלאָגיע

טעכנאלאגישע הילף אדער אנדערע געציי וואס מען דארף צו העלפן קינדער/יוגנטליכע געזונטהייט, וואוילזיין און זיכערקייט

## נישט קיין מעדיצינישע טראנספארטאציע

טראנספארטאציע צו סערוויסעס אדער אקטיוויטעטן וואס שטיצן צו דערגרייכן ציל